# דיא צוואה

אין דיזען ביכעל ווערט בעשריבען איין שיינע צוואה
וואס איין קראנקער פאטער האט זיינע קינדער גילאזין
אונ זייא גילערינט וויא זייא זאלין זיך פירין אויף דער
וועלט אונ וויא ער האט זייא דיא איצטיגע וועלט
וויא אבלאנקין שפיל פארגעשטעלט

הערויס געגעבען פאן

**זבאמ**

---

## ווילנא

שנת תרל"ד לפ"ק

R H97
3/1/ה

---

ДИ ЦАВОЕ,
т. е. Завѣщаніе
сочиненіе Збама.
ВИЛЬНА.
Въ типографіи С. I. Фина А. Г. Розенкранца
и М. Шрифтзетцера. 1873.
На Вилейской улицѣ домъ № 715/24

R 497 / 2613 : H97

Дозволено Цензурою 22 Іюня 1873 г. Вильна.

# פאר רעדע

לעזט ברידער דעם ביכיל רעזט
און דעם פערפאסער ניט פאר געסט
פיליכט האט ער וועמען קריטיקירט
אונ וועמען דעם כבוד אן גערירט
בעט ער הערצליך מחילה
מאנשליים, ווייבער, קינדער אויך אפילו
אינ איבעריגען קען מיר טאן קיינער
עס איז מיר גענוג אז פון טויזינד איינער
וועט נעמען מיינע רייר אין גידאנקען
אונ וועט מיר דער פאר דאנקען
איבער הויפט בעט איך טאקע מיין גשכר
צו וואש זאל איך זיך רייצין דעם נאר
צוא וואש דארף איך מיר אומזיסט מוצין אונ קוועלין
אז מען זאל מיר דער פאר ניט באצאלין
איך האף דער ביכיל וועט אליטען גיפעלין
אונ יעדער וועט דעם ביכיל קויפין וועלין
אונ פיליכט וועט דא אין ביכיל עטוואס פעלין
בעט איך מען זאל זיך דערויף ניט שטעלין
ווען דער מענטש איז ניט פון מלאכים שטאם
פון מיר דער פארפאסער

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלים

די גישיכטע שטעלט זיך פאר אין אשיינעם זאל · איין
אלטער קראנקער מאן ליגט אוף איין בעט זייער שוואך ,
דיא זאל איז מיט מענטשין פול גיפאקט , קרובים ,
חברים , גוטע פריינד , אלע זיצין שטיל אונ בעדויערין
דעם פרומען מאן , דער זון זיצט אין איין ווינקעלע אונ
וויינט , דיא טאכטער אין איין אנדער ווינקעלע אונ וויינט ,
שמשים זיצין אונ ווארטין דער קראנקער זאל שוין דיא
פרומע זעלע אויש הויכין · אבער נאר מיט אמאל ער
דער מונטערט זיך אונ זעצט זיך אויף זיין קראנקע
בעט אהין , אונ פאקט מיט דיא לעצטע קרעפטין מוטה
אונ פאנגט צוא ריידין אן וויא פאלגענדע :

א.

(דער פאטער מיט אהויכע שטימע)

קומט אהער מיינע קינדער גישווינד
איך וויל שוין נעמען פון אייך אפ שייר
קומט אהער מיין גאנצע גיזינד
באלד וועט אוועק פון אייך דיא פרייד
אין דיא אייביגע וועלט מוז איך שוין גיין
איר וועט מיר שוין ניט מער זעהען לאנג
אך ! וויא גרויש איז מיין פיין
אך ! וויא איז מיר דאש באנג

ב.

איך וועל אוועק פון אייך
אונ ניט קערין צוא ריק
(דער פאטער וויינט) טרערין לויפט פון מיר אזייך



אז איך גיב אויף מיר אבליק
פון אזו אשיינע וועלט מוז איך מיר שיידין
פון מיין פאמיליע אונ פון מיינע חברים
אך ! וויא גרויס איז מיינע ליידין
דען באלד וועלין מיר עסין דיא ווערים

ג.

דער פאטער גילאסין

דאך מיין איינציגער זון איידער איך שייר פון דיר אפ
וועל איך דיר מיין צואה ערקלערין
מיינע רייד זאלסטו באהאלטין אין קאפ
אונ דו מיין איינציגע טאכטער מעגסט דש אויך הערין
הערט דיא רייד פון אייער פאטער דעם קראנקין
עס וועט אייך דאש אמאל זייער ניצין
דעריבער באהאלט דאש טיף אין גידאנקען
מיינע רייד זאלט איר אין הארצין קריצין

ד.

ביז היינט האט איר פון דאגות ניט גיוואוסט
איר האט אייך גילעבט רוהיג אונ שטיל
יא גליקליכע צייט האט איר גיקוסט
עדער האט גיהאט וואש ער וויל
איר האט ניט גיוואוסט פון עסין פון קליידער
ען האט אייך אלץ פארטיגע דער לאנגט
יך נעבילדעט אייך גיגעבין אין חדר
רץ איר האט גהאט וואש איר האט גאר פערלאנגט

ה.

דאש איז אבער גיוועןן זא לאנג איך האב גילעבט
איך האב גיארבעט , איך האב גיזארגט
איך בין גילאפין , איך האב גישוועבט
איך האב גיהאנדילט , איך האב געפארנט
נאר מיין קאפ האט אויף אלץ גידרייט
נאר צוא ליב אייך האב איך דאש גיטאן
נאר אייך צוא מאכין פאר ארענטליכע לייט
האב איך גישטעלט מיין לעבין אין קאן

ו.

איצט האב איך שוין אבער אויש גיפירט מיין וועלט
איך דארף שוין נים מער קיין קליידער קיין צירונג
איך דארף שוין נים מעהר קיין גאלד קיין געלט
איצט דארף איך שוין גיין אין דיא אייביגע רעגירונג
איצט איז נאר גיקומען דיא צייט
אייך איין צואה צוא געבין
אייך ערקלערין וואש דיא וועלט בעטייט
כדי איר זאלט וויסין אין איר וויא צוא לעבין

ז.

איך האב מיר דאש טאקע אמשל גינומען
פון יעקב אונזער היילינגן פאטער
אלם עס איז דיא צייט פון זיין שטארבין געקומען
זיינע קינדער צואה געלאזין האט ער
ער האט זייא געוועלט דעם קץ מגלה זיין





דאס האט אבער גאטט נים געוועלט
אונ האט פון אים דיא שכינה אב געטאן
האט ער זייא ערקלערט דיא קינפטיגע וועלט

ח.

אין יעקב אבינום רעגירונג
איז נאך דיא וועלט פיל אנדערס געוועןן
עס איז נים געוועןן קיין פארמאסקירונג
קיין פאלסקייט האט מען נים געזעהן
האסטו געזעהן אלאנגע פייאה
האסטו געוואוסט אז דאס איז אאיד נים פערשטעלט
האסטו געזעהן אמטבע
האסטו געוואוסט אז דאס איז געלט

ט.

ס האט זיך אבער פון יענער צייט אן
יא וועלט זייער פיל פערביטען
ען טוט וואס מען נאר קאן
ך צוא פיינען זיך צוא גלעטין
א זעהסטו אוואלף אין אשעפסין פעל גייענדיק
א זעהסטו אפוקם פארשטעלט פאר אהונט
א זעהסטו אחזיר בלאזט זיך וויא איין ענדיק
ך וועל דיר ערקלערין דער פון דעם גרונד

י.

ם טוט מען אלץ צו ליב דעם גראשין
ינער וויל דעם צווייטען אריבער נארן

מען וואלט זיך ריכטיג אין דיא נאסען געשאסען
אז דיא רעגירונג וואלט דארויף ניט ארין
דעריבער מאכט מען דיא זאך פערשטערט
גנב אין הארצען אונ גאט אין כויל
געפינט זיך איצט פיל אין דער וועלט
א ! דאס איז שעדליכער פאר אקויל

## יא.

(דער פאטער זיפצעט) איך לאז דיר איבער אין אשלעכטע צייט
אין אצייט וואס דער רוביל שפילט דיא ראלע
אין אצייט אז דער וואס האט אים דער איז דער רייט
אונ ווער עס האט אים ניט אויף דעם איז אקללה
אונ אין אצייט וואס דיא ווארהייט טוט ווייניג עקשעסטירען
אין אצייט וואס מען יאגט זיך נאך גוט אונ נאך געלט
אין אצייט וואס יעדער טוט זיך פאר מאסקירין
אין אצייט אז נאר דער רוביל איז דיא וועלט

## יב.

דוא גייסט למשל אויפין גאס
דוא זעהסט אפארנעמען הער מיט אגאלדענע קייט
אגראסען איז אפילו ניטא אין טאס
דעסט וועגען גייט ער רייך געקלייט
דא ווידער זעסטו איינער גייט אפ געריסען
מיינסטו געווים ער האט ניט קיין גראסען געלט
זאלסטו מיין קינד וויסען
אז דאס טוט מען נאר צו נארין דיא וועלט





## יג.

דוא זעהסט איינער פארט שפאצירען
אין אקאראט מיט אקוצער מיט צווייא ווייסע שימלען
דיין הארץ וועט דיר דער פון רירען
דוא מיינסט ער פליט אין דיא הימלען
מקנא מיין קינד זאלסטו אים ניט זיין
דאס איז נאר אזוא איין אנשטעלט
דאס קען יעדער פערשטיין
אז ער מיינט נאר דער מיט צוא נארין דיא וועלט

## יד.

אז דוא וועסט ווערין מיט דיא וועלט נאך מער בעקאנט
וועסטו דער זעהן נאך פיל זאכען
מענשען וואס האבען גאר קיין טאלענט
אונ האבען שוין גאר ניט וואס צוא מאכען
אויף די וועלטס קארק צו זיצן איז אים שוין שווער
פארט ער נאר אין מאסקווע אוועק
אונ ווערט גאר אקאמישענער
מיינסטוא דאס איז אפשר אצוועק ?

## טו.

זאלשטו דאס גאר ניט מיינען מיין קינד
דער מיט קען מען שוין גאר ניט נארין דיא וועלט
אין דעם געשעפט איז שוין קיינער ניט בלינד
דיא סוחרים טרויען שוין ניט אגראסען געלט
דו קענסט זיך פיינען וועט דיר פארט ניט געראטין
...ען עס האט שוין פיל געטראפען

וואס האבען געמאכט באנקראטען
אונ פון מאסקווע אנטלאפען

טז.

דוא זעהסט אגרויסע קראם
דער אוים געפוצטער פענצטער טוט נאר בליצען
אינעווייניג רודעלט זיך וויא אויף אפראם
דער צוא ביז פופצעהן קרעמערקעס זיצען
אין שטוב פירט מען זיך אויך ניט קליין
געקליידעט וויא דיא שררים
דוא וועסט זייא געווים מקנא זיין
דען דוא מיינסט זייא זיינען די ערסטע גבירים

יז.

אבער בעטראכט אים נאר מיט אריינעם זינען
אויב דוא הערסט מיט בעראכט
וועסטו אין אים נאר פיל אנדערס גיפינען
וויא דוא האסט גיטראכט
בייא אים אין קאפ ארעדיל זיך דרייט
פון גרויסע דאגות אונ זארגען
וואס העלפט מיר וואס איך פיר מיר ברייט
אז דער סחר וויל שוין אגראסען ניט בארגען

יח.

אז דוא קומסט שמחת תורה אין קלויז
דער זעסטו אטאראג מען האנדילט סחורה
ניט קיין פראוויאנט ניט קיין הויז
נאר אתה הראת אונ חתן תורה



דיא סוחרים זיינען צוויא אביונים
איינר גיט הונדערט גילדון דער אנדערער גיט מיט
זיא ווערין ביידע דיא גרעסטע שונאים
דען איינער מיינט כבוד דער אנדערער קרעדיט

יט.

דער פאטער רוט זיך עטוואס אם

אויך אויף דאס, מיין קינד, גיב נאר אבליק
אויף דיא מענשען וואס יאגען זיך נאך נבאות
זייא מיינען דאס איז אגרויסער גליק
אבער ניין! גאר אגרויסער טעות
זייא ציהען נאר אויף זיך שונאים אן
ווייל זיי ווילען דעם כבוד פון האלמן דעם מייטיל
מען פערהאסט זיך בייא דעם נאציאן
אונ פון דאס קומט דאך שוין גאר ניט אריין אין בייטל

כ.

דעריבער מיין קינד דוא ווייך דיא גאוה אוים
וויל דאס ניט קענען וויל דאס ניט וויסען
מאך זיך בעסער דער פון ארוים
ועו ניט פערלירסטו דעם זעלביגען ביסען
עם זעלביגען טאג
רינגסטו שונאים אויפין פוד
ען מאשערט דיר דיין וואג
ען פאר זיגעלט דיר דיין בוד

כא.

וואָרום האָסטו אים נאָר גיגעבין חמישי
וואס איז דאס ר׳ חצקיל פאר אמאנארך
אז מען גיט אים ששי
דוא זאלשט מיין קינד געדיינקען
אז דוא וועסט בלייבין אלע ווייליע איז ביוש
מען וועט דיר אוף ווארפין דוא ליגסט אין שיינקען
אט דאס קומט ארוים איבער עליות

## כב.

איבער הויפט איז דיא אונמעגליכקייט
יוצא צו זיין פאר אוועלט
הן אין ערליכקייט , הן אין פרומקייט
הן אין גוטסקייט , הן אין געלט
עס טרעפט זייער פיל
אונ אפט ביי דיא גרעסטע קלוגע
יוצא זיין פאר דיא וועלט וואס ער וויל
ביי דעם צווייטין קומט ער אוים גאר פר משוגע *)

---

*) עס זיינען אמאל געריוזט אפאטער מיט אקינד דער פאטער איז געריטען אויף איין אייזעל אונ דאס קינד איז נאך געגאנגען צוא פוס אונטער וועגעס בעגעגנט זיי איין רייזענדר אונ זאגט צום פאטער : דוא שלעכטער מענש וואָרום לאזטו דיין קינד נאך לויפען צוא פוס ער איז דאך נאך קליין אונ דוא ביזט שטארק אונ געזונד איז דאס רעכט פון דיר ? דוא ביזט אשלעכטער טאטע , דער פאטער קריכט פון אייזיל ארונטער אונ זעצט ארויף דאס קינד אונ זייא רייזען ווייטער עס באגעגנט



## כג.

פילייכט וועט דיר גאט בעגצין מיט אגישליפעניעם צונג
אדער דוא וועסט זיין איין אידעשער חוואט

---

זייא נאך אצווייטער רייזענדער אונ זאגט צו זייא דוא נארישער פאטער וואָרום לאזטו דעם קינד רייטען ער איז דאך נאך יונג ער קען גיין צו פוס דו ביזט דאך אלט שוואך דארפסטו רייטען אויף דעם אייזיל · דער פאטער זעצט זיך אויך אויף דעם אייזיל ארויף אונ רייטען ביידע זיצענדיק אויף דעם אייזיל ווייטער אונ זייא באגעגענען נאך אדריטען רייזענדר אונ זאגט צו זייא : איר שלעכטע מענשין וויא האט איר דאס ניט רחמנות אויף איין ארעמע בהמה זאלבענאנד צוא רייטען אויף איין בהמה איר זייט שלעכטע מענשען , זייא קריכען ביידע ארונטער אונ גייען ביידע צוא פוס אונ דעם אייזיל פירעז זייא אין האנט אונ רייזען ווייטער עס באגעגענט זייא נאך אפערטער רייזענדר אונ זאגט צוא זייא איר נארעשע מענשען איר קענט איך דאך ווער ארויף זעצין אויף דעם אייזיל רייטען וואס דארפט איר גיין ביידע צוא פוס נוא וויא האבין זייא געזאלט יוצא זיין פאר אלימען ? זאל דער פאטער רייטען איז שרעכט, זאל דאס קינד רייטען איז אויך שרעכט , זאלען זייא ביידע רייטען איז אויך שרעכט , אונ זאלען זייא ביידע ניט רייטען איז אויך שלעכט קורץ וויא זייא האבען געטאן איז אליץ גיוועזן שלעכט אונ ער וויל דאך אבער ווארט יוצא זיין פאר דיא וועלט האבען זייא גענומען דעם אייזיל אונ גישלעפט אויפין פלייצע אפשר וועט דאס זיין גוט אט איז

זיין פאר דיא וועלט מוז מען זיין משוגע ?

דוא קעסט אפילו זיין אנראבער יונג
ביזטו אלץ ראוי פאר אדעפוטאט
טוא זאיי זעה עוסק מיט אמונה בצ״כי צבור
דאש איז פון דיר אשיינע לאסקע
וויל אבער ניט ווערין רייך פון יעדען נאבאר
ווען דו האסט אפילו בכוח צו מאסערין די שקאסקע

כד.

קומט ווער צו דיר זיינע צרות בעוויינען
נאר פאר אים אין דיא אויגין ניט שמייכיל
דאס איז ניט געשוויגען זאלסט עס ניט מיינען
לאז ניט אפ קארמען צו פיל דיין בייכיל
דען עס געפינען זיך טויזענדער אויגין
וואס ווערין דיר נאך געבין איין עין הרע
וואס קען דיר נאך דעם דער בייכיל טויגען
אז דוא בלייבסט אמאל אוים שררה

כה.

מען קען נאך ארום דאס פיל ריידין
נאר בעסער ווייניג אבער וואר
מען קען דעם גאנצין אינהאלט באשיידין
גאר פיל ריידין ברייננט גיפאר
איבער הויפט ביא היינטיגע וועלט
האט מען פון ריידען גאר קיין נחת
גיט קיין עולם הבא ניט קיין געלט
נאר פוסטע מיינונגען דיא סבעם

כו.



פון יערען גוטען קאראקטער
צו בעסערין זיטען וואס זייען שעדליך און שלעכט
קען זיין דער רב אדער דער פאקטער
אביא דוא ביזט נאר די טובה אויסען
נאר צוא פיל זאלסטו פון אירין ניט לאכען
אינ די אמונה וויל ניט אין גאנצען אוועק שמויסין
היט זיך נאר פון דיא נאטליכקייט ניט חוזק צוא מאכין

כז.

דענעם האבען זיך איצט זייער פערמערט
פיל פון אונזערע ברידער
וואס זייען צוא פיל אויף געקלערט
און מאכין פון אירין שפיטאקעל און לידער
קאם קאם ער קען נאר האלטען אפענע אין האנט
אהא! מען לאכט שוין פון דיא אידעשע אמונה
צוא אז דוא גייסט געקליידעט וויא אפראנט
וואס ווערסטו דיא תורה אזוא אשונה?

כח.

בכן אז דוא ווילסט ווייזין אז דוא ביזט אנרויסער קענער
וואס צעפעסטו זיך אן דיא אמונה אן
לעז דיא ווערק פון דיא אמתה גיבילדעטע מענער
וועסטו זעהען אויב זייא ווערין דאס טאן
צוא דאש הייסט גיבילדעט
צו מאכין אויפין אידען נאר דיא קלאגען
יין דאס הייסט נאר פערווילדעט
יך מוז שוין דיא ווארהייט זאגין

## כט.

בכן אז דוא זיצט אין אגיזעלשאפט צווישין דאמען
אונ ווילסט ווייזען אז דוא ביזט קיין ארום בחור מער
וואס לאכסטו פון דיין אייגענעם טאטין אונ מאמען ?
וואש ניסטו גלייך ארום דעם תוכשיל אקלער
בכן איז דיא דם פון מצרים ניט גיוועז קיין בלוט
וואש משה האט דעם ים גישפאלטין
איז דאש נאר גיוועז עבין אונ פלוט *
נאר עס האט אים גינאלטין .

## ל.

חזיר זאגין זייא איז גאר מותר
איבער דיא גרויסע היצין האט מען דאש גימאכט אס׳ **)
אבער צו וואש פרעגילט מען נאך דעם חזיריל אין פוטער
פלייש מיט מילך איז דאך גיוויס ניט כשר
אין אזוא אגיזעלשאפט מאכט מען אש פון דיא תורה
פון דעם באר , דעם ענן , דעם מן ,
פאר גאט האט מען שוין גאר ניט מורא
אט איז ער אגיבילדעטער מאן

---

*) עש גיפינען זיך נאך איצט זעלכע טייכין וואס לויפין א
אקורצע צייט אוועק אונ דער ארט בלייבט גאנץ טרוקין
דאס רופט מען „עבין אונ פלוט"
**) דיא אויף גיקלערטע זאגין אז דעריבער האט מען גיאס
חזיר ווייל דענסט מאל איז גיוועז אין דער מדבר גרוישע הי
האבין זיך גיפונען אין דיא חזיר שעדליכע ווערים .



## לא.

איבער הויפט זאלסטו זיך בעווארנען
פון דיא קענטנים צוא עסין ברויט
עס איז גיוויס שיין צו קענען לערנען
אכלכד צוא זיין איז בעסער דער טויט
צוא קענן זינגען איז גיוויס שיין
גאר פאר קיין חזן זיך ניט אב צו געבין
עס איז געוויס שיין אפערפאסער צו זיין
נאר ניט דארפין דער פון לעבין

## לב.

עס איז גיוויס גוט צו קענען קבלה
נאר ניט זיין קיין בעל שם
דאש שפילט שוין איצט אקליינע ראלע
ווייל קיינער גלויבט שוין ניט אין דעם
צו קענען זאגין איז גיוויס שיין
אבער צו לעבין דער פון איז נאר קיין פלאן
עס איז גיוויס שיין אשרייבער צו זיין
ווילסטו אבער דער פון לעבען ? ביזטו אפארטיגער אריםאן

## לג.

אונ ווידער לאמיר גיין פערקערט
צו זיין אמגיד אין אשטעטיל
איז דיר פארט בעשערט
זאג ניט קיין פילפול זאג ניט קיין פשטיל
דען גיט דאס פערלאנגט איצט דר גימיין

צו אַוועג ווײַזער גלײַך זאָלסטו ניט זײַן
אַזוי ווי אַ ער ווײַזט די וועג און בלײַבט אַליין שטיין
און ניט אַפּרומער מוכיח ווײַזט די וועג און אַליין וויל ער ניט גי

לד.

ווילסטו דעם עולם מוסר זאָגן
דען זאָג וואָס עס פּאַסט איצטיגע צײַט
אָט דערויף איז יוא צו קלאָגן
אויף די דאָזיגע לײַט
וואָס קוסן הונדערט מאָל די ציצית
און אַפּאַלשע מאָס דאָך געבין
שרײַען «שמע» מיט גרויסע קוויטשעס
און רויבין בײַא דעם צווייטין דעם לעבין

לה.

פֿילײַכט מײַן קינד קענסטו פּאָרט אַחזן זײַן
אויף דעם צווייטינס זאָג ניט · עס איז ניט געראָטין
אָדער עס איז ניט שיין
ווייל דאָס איז גאָר פֿון נאָטין
זאָג ניט אַז אין שיינק זינגט מען דאָס גאָר
בכן גייט דער חזן אין אַקורצין ראָק
טאָר ער ניט דאַווענען אין שול מיט זײַן חאָר
זאָג ניט קיין מבינות אַז אַליין האָסטו אַשטימע ווי אַבאָק

לו.

פֿילײַכט וועסטו האָבין דעם גליק
אַז אויף דעם בית הקברות זאָל גילטין דײַן דעה



ער גישעפֿט איז גאָר פֿליק , און פֿליק,
אַ שפּילט אַראָלע ברוינפֿין און די מטבע
בן קענסטו לייגען לעבין פּאַרקען יענעמס טאַטין
אָס איז דאָך בײַא אונז אידין גאָר סכנות
אָס קען גאָר אָפּט צווא אַשידוך שאַטין
ט דאָ קענסטו שוין רייסין גאָר אַן רחמנות

לז.

ך זאָג אָבער דוא זאָלסט עס ניט וועלין
יל דעם גישעפֿט ניט קענען ניט וויסין
רוינפֿין וועט דיר אַפּילו ניט פֿעלין
בער דאָך האָסטו יתומים בעריסין
ען דו האָסט שוין אַפּילו אין קעפּיל סער ווי אין פֿלעסיר
אַך גייא ניט אַרויס אויסין זינען
אָרגעס ניט אין שיינק דעם קליינינקין פֿתיל
דער שיינקער זאָל אים אונטערין באַנק גיפֿינען

לח׳

בער הויפּט מײַן קינד
ניט אויף דוהאַווענע געשעפֿטין צו בעזעצען
ן עס איז שוין אַוויא ווייא און אַזויא ווינד
ער עס דאַרף שוין דער פֿון ברויט עסין
צופֿט דער גבאי די בלוט
רום קען ער גאָר ראשים שרײַבין
ער תנך איז אויך ניט גוט
וויל מען דיר גאָר אַרויס טרײַבין

## לט.

נאר מיין מיינונג וואלט זיין
אויב דוא ווילסט מיר נאר הערין
ווילסט זיך לעבין רוהיג אונ שיין
נאר קיין רייכטהום ניט בעגערין
דען נעם זיך בעסער א מלאכה אין האנט
איצט איז שוין דאס אין דער מאדע אריין
יעדער לערינט זיין קינד א טאלענט
איצט געפינסט דוא דאס ביי גרויס אונ קליין

## מ.

ווען דוא האסט ניט אין האנט קיין מלאכה
מוז טוא שוין טאן וואש ניט פאסט
מיט דיין ווייב קריגסטו א שלעכטע מערכה
זיא ווערט ביי דיר פאר האסט
ביי דיר אין שטוב איז קריג אונ נויט
ווייל דוא האסט קיין חיונה
דיין ווייביל ווינסט זיך אלע טאג דעם טויט
צום סוף מאכסטו איר נאר פאר איין ענונה

## מא.

(דער פאטער מיט זיפצין) לעז אין מגיד לעז אין לבנון
ועסטו הערין פון ענוות דיא שמערץ
וועסטו הערין קלעגליכע טאנען
פון יאמער וועט דיר צוא גיין דיין הארץ
[illegible]



אש דער טויט איז זייא ליבער
ט דאס פאשירט נאר וואש מען לערינט ניט קיין טאלאנט
ט דאש קומט נאר דעריבער

## מב.

דער פאטער ווערט אומעטיג

אש וויים איך אפילו ביי מיר
ו דיר וועט ניט שטארק ווירקין מיינע רייד
ר דאש. וועל איך בעטין פון דיר
ו דיינע קינדער זאלסטו ערציהען נאך מיין בעשייד
עז איך האב שוין פיל גיזעהען
אש פאר דארבין דיא קינדער מיט זייער ערציהונג
! וויא וואלט דאש פאר ביידין גוט גיוועז
מען וואלט זייא זיטין ביים יונגענדליכין בליהונג

## מג.

פאטר דר מונטטערט זיך האלט ניט פאר קיין המצאה
דיין קינד זאגט: אקלאג צו דיר
אב ניט קיין הנאה
ער זאגט אנדרע גרבע זלזולים פאר דיר
אנץ ניט קיין שלעכטע זיטין אין די יונגע קעפיל
ש איז פאר אים אתאלעף , אשווערד
ער גאנוועט מען אקנעפיל
עטער אפערד

## מד.

דוא וועסט דינגען פאר דיין קינד ארעבין

בריינגט ניט אלמדן אמופלג פון וואלאזין אראפ
דען זיינע תורה קען ער אים ניט אוועק געבין
אז דאש קינד האט נאר אגראבע קאפ
זאל ער פריער קענען חומש מיט רש״י
האפ ניט דיא פיש פארין נעץ
צוא טומעל אים ניט די קאפ מיט מהרשאעם אקשיא
פר שטייט ער ניט קיין מהרם גיב עם ניט קיין פעץ

## מה.

דיא קינד קוקט נעבעך וויא אהאן
וויא דער רבי דרייט מיט דיא הענט
ווייסטו וואש דיא פעולה איז דאפאן
דער אינגיל קריגט דעם רבין מיט דיא גמרא פיינט
דער רבי רעט דער אינגיל וויים ניט וואש
דער רבי קריגט נאר אקראנקע ברוסט
דוא לערין דיין קינד אט דאש
צוא וואש דער קינד האט לוסט

## מו.

וויל אים ניט מאכין פאר קיין דאקטאר
אז ער איז פעהיג צום נאדיל
וויל אים ניט מאכין פאר קיין אקטאר
אז ער איז פעהיג צום רעדיל
שטופ אים ניט צוא דער גמרא
אז ער איז פעהיג צום האק
האלט אים ניט פאר קיין שררה
אז ער איז פעהיג צום פאק



## מז.

פילייכט וועט דיר טראגן דיין הארץ צו פארן לערנן
אין וואלאזין אדער אין דער מיר
פון די ארום בחורשע זיטין זאלסטו זיך באוואריגען
זיין מיט אקאפ בייא דעם שיעור
פאר בריינג ניט דיא צייט אין פוסטע גישעפטין
אמזרה מאלין · אשרייערל שניצין
הדסים פלעכטין · אבייטעלע העפטין
אונ בולוועס באקין · אהתימעלה קריצין

## מח.

דען ניט דאש הייסט השלמות בייא היינטיגע צייטין
יינסטו צו לערנען דען לערין מיט אטעם מיט אריח
ען וועסטו חן גיפינען בייא גאט אונ בייא לייטין
האלט נאר ניט אונטערין גמרא קיין אידעשין מפתח
אר ניט דיא וועלט מיט דיינע לאנגע פאות
אלט ניט איין גיבויגין אין דרייען דעם רוקין
יא ניט פעשטיקע צוא קיין נקבות
ונ זאג ניט דוא ווילסט אויף ווייבער ניט קוקין

## מט.

וא מוזט זיך היטין איבער הויפט
יט פאלשקיים דיין ברויט צוא פערדינען
ען העסטו ווערין פון יעדען גילויבט
ייא אלימען וועסטו חן גיפינען
אסטו אפראפעסיאן
יט דאש וויא דיין לעבין

קוּק נִיט אוֹיבְּין אָן
דָאשׂ וֶועט דִיר־קַיין גְיזוּנְד נִיט צוּ גָעבְּין

## נ.

הָאסְטוּ אַטַאלַאנְט
אַרְבָּעט מִיט פְרַיים אוּנ לוּסְט
קוּק נִיט אוֹיפִין הָעכֶערִין קַאנְט
בְּלַייבְּסְטוּ בַּייא אַגְיוּנְטָע בְּרוּסְט
קוּק נִיט וָואשׂ יֶענֶער לֶעבְּט זִיךְ גְרִינְג
דָאשׂ הֵייסְט אַזוֹא וִויא אַגוּטֶער אִיד
עֶר הָאט אוּם זִיסְט אַלְץ דִינְג
אוּנ דוּא מוּזְט אַרְבָּעטִין אוּנ וֶוערְסְט מִיר

## נא׳

(דר פאטער מיט כעס) וְויל דָעם גְלִיק.גִיט זֶעהֶן גִיט הָערִן
עֶשׂ אִיז נִיט קַיין מְלָאכָה
מִיט מַאסֶענְסְטִיוֶע רַייךְ צוּא וֶוערִין
זֶעלְכֶע גֶעלְט הָאט אָבֶּער קַיין הַצְלָחָה
בֶּעסֶער וֵוייגִיג אָבֶּער עֶרְלִיךְ פַר דִינֶען
אֵיידֶער וִויא דֶער רֶבִּי צוּא פָארִין אִין אַקַארָאט
וְויל נִיט קַיין גָאלְד שְׁפִּינֶען
אוּנ בְּלַייבִּין בַּייא דִי וֶועלְט צוּא שַׁאנְד אוּנ צוּ שְׁפָּאט

## נב.

(דער פאטער מיט ערענסט)
הִיט דִיר מַיין.קִינְד פוּן זֶעלְכֶע גְישֶׁעפְטִין
פַארְדִין בֶּעסֶער דַיין חִיוּנָה
מִיט דִיא לֶעצְטֶע קְרֶעפְטִין

## די צוואה

…עֶר צוּ זִיךְ בִּילְדִין נִיט פַאר הַאסִין דִי אֶמוּנָה
…עֶן צוּ לִיבּ דִיא אֶמוּנָה הָאט מֶען דָעם אִידְן־זַיין פְלֵייש גִישְׁנִיטִין
…יצְט אִיז מֶען דִיר מְקָרֵב דוּא גֵייא נָאר נִיט צוּ רִיק
…אשׂ אִיז אַלְץ וַוייל עֶר הָאט דִי אֶמוּנָה נִיט פֶערְבִּיטִין
…ר פַר טוֹט מֶען אִים.גוּטֶעס אוּנ מֶען וִוינְשְׁט אִים גְלִיק

## נג.

…וּ זִיךְ נִיט אַרַיין אִין לַאטֶערֵיא, אִין קָארְטִין
…יף יֶענֶעם גְבִיר זָאלְסְטוּ נִיט קוּקִין
…לְסְטוּ אָבֶּער אִיבֶּער גְעוַואלְד פָארִין אִין קַארָאטִין
…ן הִיט זִיךְ אָבֶּער פוּן אַנֶעלֶע לַאטֶע אוֹיפִין רוּקִין
…קָארְטִין, פוּן לַאטֶערֵיא
…רְסְטוּ פוּיל אָן אַשִׁיעוּר
…לְסְטוּ אָבֶּער וֶוערִין רַייךְ נָאר אָן מִיה
…יינְק! עֶס אִיז דָא אַסִיבִּיר!

## נד.

…עֶשׂ מַאכְט זִיךְ אֲפִילוּ אַצַייט וואשׂ־גייט נִיט אָזוּ גוּט
…ר דִיא הָאפְנוּנְג דַארְף נִיט זִינְקֶען
…נִיט פֶערְלִירִין דִיא מוּטָה
…עֶשׂ וֶועט פְרֵיידֶע וִוידֶער וִוינְקֶען
…וֶועלְט וֶוערְט אַלְט אוּנ וִוידֶער יוּנְג
…דָר מֶענְטְשׁ הָאפְט פֶערְבֶּעסֶרוּנְג
…עַל דִיר אַגְלִיקְלִיכֶע צַייט פָאר
…וָוארְט מִיט גֶעדוּלְד אֵיינִיגֶע יָאהְר

## נה.

נוא האב איך דיר שוין דיא וועלט אביסיל באקאנט גימאכט
איך האב דער פון גרויש הנאה
הער מיין קינד מיט בעדאכט
דיין אלטען פאטערס צוואה
מיין קינד! הער מיר נאר צוא
באהאלט מיינע רייד טיף אין זינען
איך גייא שוין באלד צוא מיין רוה
מיינע רייד אבער וועסטו גיפינען

## נו.

דער פאטער פערוט זיך עטוואס אונ רעט ווייטער

איצט קום דוא אהער מיין טאכטער צוא מיר
איידער איך וועל פון דיר אפ שיידן
וויל איך מיין צוואה ערקלערין דיר
אונ זיך מיט דיר עטוואס פון אנדער ריידין
דאש ערסטע טאכטער מיין
ווער איך פון דיר בעטין
לאז זיך ניט אין ליבעס אריין
ווען דיא בחורים וועלין דיר אפילו קוסין גלעטין

## נז:

שפיל ניט קין ראמאנען שפיל ניט קיין ליבע
קענין בחורים ניט לאך ניט שמייכיל
עס קען דיר נאך טרעפין אסיבה
אונ קריגין אגרויסע בייכיל
ביא דיינע בעסטע פריינד





קריגסטו אצורה וויא איין עכטע בער
זייא קריגין דיר נאך דעם פיינט
אונ דו בלייבסט בייא דעם נאמען: אויס גיקינדירטע מאד

## נח.

קוסט מעו דיר אשידוך ריידין
זאלסטוא ניט שטיין פון ווייטין
וויא עס פלעגין טאן דיא מיידין
פון נאר פאר צייטין
דוא מוזט זיך אויך אין שידוך מישין
זייא נאר גוט דורש והקר
אונ אז ניט זאלכטו מיין קינד וויסין
אז מען וועט דיר נאך אריין נארין אהויקער

## נט.

אר צוא פיל קלייבין זאלסטו ניט
ען וואס מער דוא וועסט קלייבין
ועסטו זיך אלץ מער אפ נארין דער מיט
ונ צום כוף נאר פאר זעסין בלייבין
ך ניט דיא יחוס פון חתנס עלטער טאטין
ן וועטו האבין עולם הבא בעשטימט
ער גיין מען צאלט יעדען נאך דיא טהאטען
ען צאלט יעדען וויא ער פערדינט

## ס.

ר רב קען זיצען אין גן עדן
ף אנאלדערנעס שטול מיט אזילבערנעם טיש

דיא רעבעצין האט אפילו ניט דיא עהרע מיט אים צו ריידין
ווייל זיא זיצט אויף אביינקיל מיט אויש געבראכענע פיס
נאך דיא מעשים צאלט מען יעדען
קען ער אפילו ניט אויף איין פוס כולו תורה
קען ער אויך האבין נאר דיא גן עדן
אז ער האט נאר ערליך געדינט דעם בורא

## סא.

דער פאטער פערוט זיך אונ רעט וויטער

אונ ווען דוא וועסט שוין האבין אמאן ביא דער זייט
דען זעה ניט אויש צו ברייננען קיין געלט
אום צו גיין וויא אדאמע ניקלייט
דען עש איז אונמעגליך נאך צו טאנצין דיא וועלט
היינט גייט מען אויף דיא קליידיל אזו דעם קנייץ
מארגין גייט מען איר נאר לויז
היינט גייט מען וויא א טייץ
מארגען וויא אפראנצויז

## סב.

שלעפ זיך ניט ארום מיטין מאן ארעם געפאסט
בכן ווילסטו ווייזין אלעמען דיין שעליאן
וואלסטו וויסין וויא דאש ניט פאסט
וואלסטו דאס געוויס ניט טאן
נאר פיל ווייבלעך טוען דאס
ווייל זייא טרויען ניט דיא מאנען
סיינגסטו דאס העלפט עפעס וואש



## סג.

ניין ! דיא וועג קען מען ניט פערצאמען
האב דוא ניט דיא נאטור וויא דיא ווייבער דיא צדקניות
זיצין גאנצע טעג אונ דעם צווייטין באריידין
זיך פרייען אויף דעם צווייטים פירעניות
אונ דאס אין פרומקייט איין צוא קליידין
זוך ניט אויפין צווייטין קיין חטאים
מאך ניט דעם צווייטין פאר קיין זינדער
בכן פירט מען זיך ביא אים אין שטוב וויא ביא גוים
פרום , גוט , שיין , מאך ניט זיך מיט דיא קינדער

## סד.

דער פאטער ווערט שוואך

יצט מיינע קינדער וועל איך בעטין ביא אייך
יר זאלט נאך מיין טויט לעבין רוהיג אונ שטיל
יר זאלט איין שטימען צווישין אייך גלייך
ען רייכטהום לאז איך אייך איבער פיל
וא טיילט אייך דיא ירושה
רענטליך אונ שיין
אלט אייער מוטער מיט כבוד מיט בושה
על איך אין קבר צו פרידין זיין

## סה.

דער פאטער דער מונטערט זיך

ם אפילו פיל דיעות זאגין ; ניין !
דער טענש נאך זיין טויט איז אין גאנצין פאר לארבין

נאך זיין טויט איז ער גלייך וויא אשטיין
אויף איבי גאיז ער געשטארבין
דער פאטער מיט מוטה אבער ניין! ניין! ניין!
פון זעלכע היילינע מענשין וועט גאר ניט ווערין
וויא קאן דאש מעגליך זיין?
די אבות דיא נביאים זייא וועלין שופר משיח ניט הערין?

## סו.

דער פאטער פערוט זיך אונ רעט ווייטער מיט מוט

צו האט דען דער מענש וויא אבהמה גילעבט אויף דער וועלט
אז נאך זיין טויט זאל ער פאר זיינע מעשים טובים ניט גיניסין
דא האט ער גיארבייט זיך גיקוועלט
זאל ער פון בעלאהנונג ניט וויסין
א! מיט וואס פאר אשמערץ
האב איך אייך צוואה גילאזין
דאך פרייט מיר מיין הארץ
אז עס וועט אמאל שופר משיח בלאזין

## סז.

דער פאטער ווערט שטארק שוואך

שוין צייט מיינע קינדער צו ענדיגין מיינע רייד
מיינע כוחות גייען מיר אויש
א! וויא גרוים איז מיינע לייד
באלד צו טרינקן דעם שטערבליכין כוס
דער פאטער ווינטא! וויא איז מיר דאש וויא



צוא שיידין פון ווייב אונ קינד
יע! אדיע! אדיע!

דער פאטער מיט דיא לעצטע כוחות

בט וואהל! זייט גיזונד!.

בית ה... הלאומי
וה...
ירושלים